ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס"־אַסאָציאַציע
פֿאָרווערטס
איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897
www.yiddish.forward.com/vayter

# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

נומער 7(51) ✦ תשע"א – 2011 ✦ זעקסטער יאָרגאַנג



דער מחבר (לינקס) טרעט אויף בעת דער קאָנפֿערענץ

# אויף דער יערלעכער סלאַווישער קאָנפֿערענץ אין וואַשינגטאָן

גענאַדי עסטרײַך (ניו־יאָרק)

וואָס מאַכט אַ געביט פֿון וויסנשאַפֿט פֿאַר אַ געביט פֿון וויסנשאַפֿט? צווישן די וויכטיקסטע פֿאַקטאָרן זײַנען ערשטנס, אַקאַדעמישע צײַטשריפֿטן און צווייטנס, קאָנפֿערענצן. מיט אַקאַדעמישע צײַטשריפֿטן האַלט בײַ אונדז, אין הילכות ייִדיש, זייער שמאָל. טעאָרעטיש איז דאָ ערגעץ אַ זשורנאַל, אויף ענגליש, וואָס הייסט „ייִדיש", אָבער ווער זעט אים? ער גייט ניט אַרויס. עמעצער האַלט אים אין די הענט און לאָזט צו אים קיינעם ניט צו, כאָטש איך האָב געהערט וועגן געוויסע פּרוּוון דעם זשורנאַל ווידער אויפֿלעבן. אונטער דער מאַרקע פֿון ייִוואָ זײַנען אויך דאָ אַזעלכע „פֿאַרפֿרוירענע", קליניש־פֿאַרשטאָרבענע צײַטשריפֿטן, וואָס מענטשן, וועלכע איצט גראָ, האָבן זיי געזען, ווען זייערע האָר האָבן נאָך געהאַט אַ קאָליר.

מיט קאָנפֿערענצן איז דער מצבֿ אַ בעסערער. שוין אַ היפּש ביסל צײַט קלײַבט זיך צונויף אין דײַטשלאַנד אַ ייִדיש־קאָנפֿערענץ. דאָס קומט פֿאָר יאָר־אײַן יאָר־אויס אין צוויי אוניווערסיטעטן נאָכן סדר: אין טריר און אין דיסעלדאָרף. און עס זײַנען דאָ אויך אַנדערע אַקאַדעמישע צונויפֿקומעניש, וואָס ספּעציאַליזירן זיך אין ייִדיש־לימודים. ווי אַ דוגמא, האָב איך די חוצפּה צו דערמאָנען דאָ דרײַ אַזעלכע פֿאָרומס, צו וועלכע איך אַליין האָב אַ דירעקטן שײַכות:

אין דעצעמבער 2011 וועט אין ייִוואָ דורכגיין אַן אײַנטאָגיקע קאָנפֿערענץ, געווידמעט די אַמעריקאַנער יאָרן אין דעם לעבן פֿון מאַקס ווײַנרײַך, דעם „טאַטע" פֿון ייִוואָ;

סוף אַפּריל 2012, וועט אין דער דײַטשישער שטאָט רעגנסבורג זיך צונויפֿקלײַבן אַ געלערנטער עולם צו רעדן וועגן יוסף אָפּאַטאָשו, איינעם פֿון די בעסטע ייִדישע פּראָזאַיִקער אין אַמעריקע (אָבער דווקא אין דײַטשלאַנד איז גרינגער געווען צונויפֿקלײַבן אַן אָפּאַטאָשו־קאָנפֿערענץ, איידער אין אַמעריקע);

אין אַ פּאָר חדשים אַרום, זומערצײַט, וועט אַ גרופּע ליטעראַטור־קענער קומען אין אַן אָקספֿאָרדער קאָלעדזש, כּדי רעדן וועגן דעם סאָוועטיש־ייִדישן שרײַבער דער ניסתּר.

איך האַלט אַ וועלט פֿון אַזעלכע קאָנפֿערענצן, ווײַל זיי גיסן אַרײַן פֿריש בלוט אין אונדזער אַרבעט; שטעלן פֿאַר די אַקאַדעמיקער נײַע פֿאָדערונגען. אַנדערש קען זיך זייער גיך אָנהייבן אַ סטאַגנאַציע, סײַ אַ קאָלעקטיווע, פֿאַרן גאַנצן וויסנשאַפֿטלעכן געביט, סײַ אַ פּערזענלעכע. אַ געלערנטער, וואָס פֿאָרט ניט – און ווען מע רופֿט ניט – אויף קיין קאָנפֿערענצן, בלײַבט, בדרך־כּלל, אויפֿן ראַנדווע פֿונעם אַקאַדעמישן דרך־המלך. ניט צופֿעליק ווילן די אוניווערסיטעטן, אַז זייערע פּראָפֿעסאָרן און גראַדויִר־סטודענטן זאָלן זיך באַטייליקן אין די פֿאָרומס.

בעת דאָס הילכות־ייִדיש שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ באַזונדערע אַקאַדעמישע חבֿרותא, פֿונקציאָנירט עס אויך ווי אַ מין סובקולטור אין אַ צאָל אַנדערע אַקאַדעמישע געביטן, קודם־כּל, פֿון אַלגעמיין־ייִדישע, סלאַווישע און גערמאַנישע לימודים. און דאָס איז, בלי־ספֿק, גוט. בפֿרט נאָך, אַז ייִדיש האָט זיך קיין מאָל ניט אַנטוויקלט אָפּגעגרענעצט פֿון די אַרומיקע לשונות. שוין אָפּגעשמועסט פֿון דעם, אַז די ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן האָבן דאָך געוווינט ניט אויף דער לבֿנה, נאָר בשכנות מיט אַנדערע פֿעלקער.

(סוף אויף זײַט 7)

# ייִדישע מאָזאַיִק

# מע אַרבעט מיט ייִדיש אין רוסלאַנד



אַלעקסאַנדר סאָלדאַטאָוו

סוף נאָוועמבער 2011 האָט מען אין דעם מאָסקווער מוזיי פֿון רוסיש־ייִדישער געשיכטע גערעדט וועגן אַ גרויסן פּראָיעקט, וואָס האָט דעם ציל פֿון אונטערהאַלטן און פּאָפּולעריזירן די ייִדישע שפּראַך אין רוסלאַנד. אַנאַ סאָראָקינאַ, אַ לעקטאָרין פֿון ייִדיש בײַם רוסלענדישן מלוכה־אוניווערסיטעט פֿאַר הומאַניסטיק, קאָאָרדינירט דעם דאָזיקן פּראָיעקט, וועלכער איז כּולל אַ צאָל סובפּראָיעקטן. איינער פֿון זיי איז פֿאַרבונדן מיטן אַרויסגעבן אַ גרויס ייִדיש־רוסיש ווערטערבוך.

דער צוניפֿשטעלער פֿונעם נײַעם ווערטערבוך איז אַלעקסאַנדר סאָלדאַטאָוו, וואָס וווינט אין דער שטאָט קאַמענעץ־אוראַלסקי. סאָלדאַטאָוו, וואָס איז אויך באַקאַנט ווי איציק מאירס, באַשעפֿטיקט זיך מיט דער דאָזיקער אַרבעט שוין אין משך פֿון זיבן יאָר.

דאָס ווערטערבוך וועט אַרײַננעמען 56 טויזנט לעקסישע איינסן. מע פּלאַנירט אים אַרויסצוגעבן אין דעם פֿאַרלאַג „קניזשני לעס" („ביכער־וואַלד"). מיט אַ נוסח פֿון סאָלדאַטאָווס ווערטערבוך קען מען זיך באַקענען אין אינטערנעץ – זען www.jewniverse.ru/biher/Yiddish/index.htm.

אַלעקסאַנדרע פּאָליאַן – די יונגע מאָסקווער פֿאָרשערין פֿון ייִדיש, ייִדישער ליטעראַטור און געשיכטע – האָט פֿאַר דעם ווערטערבוך אָנגעשריבן אַן איבערזיכט פֿון ייִדישער גראַמאַטיק.

* * *

אויף דעם וועבזײַטל www.gazetaeao.ru/tag/idish.html קען מען לייענען ייִדישע אַרטיקלען פֿון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן". די צײַטונג איז געשאַפֿן געוואָרן אין אָקטאָבער 1930. אַ טייל פֿון דער טיפּאָגראַפֿישער אויסשטאַטונג איז געבראַכט געוואָרן פֿון כאַרבין, כינע, ווו אין יענע יאָרן האָט מען געדרוקט ייִדישע אויסגאַבעס. הײַנט גייט אַרויס די צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" אויף רוסיש, אָבער זי היט אָפּ אַ ייִדישן אָפּטייל, וועלכן עס פֿירט יעלענאַ סאַראַשעווסקאַיאַ.


Сколько стоит Новый год?
Где живут куклы
ТВ программа
БИРОБИДЖАНЕР
ШТЕРН
ביש
Обрести вторую родину
ПЕТРОПАВЛОВСК
ОАО «БИРЗЕМПРОЕКТ»
Шаббат Шалом!
17:54

אָנהייב סעפּטעמבער איז אין ביראָבידזשאַן דורכגעפֿירט געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע ייִדיש־קאָנפֿערענץ. צווישן די צענדליקער אָנטיילנעמער זײַנען געווען געלערנטע פֿון רוסלאַנד, ישׂראל, דײַטשלאַנד און די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אַלעקסאַנדר וויניקאָוו, דער גובערנאַטאָר פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט געעפֿנט די קאָנפֿערענץ. ער האָט געזאָגט, אַז די אַדמיניסטראַציע פֿון דער געגנט איז זייער שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין אָפּהיטן די ייִדישע שפּראַך. און ס'איז טאַקע אַזוי, ווײַל ייִדיש, און בכלל ייִדישקייט, מישטיינס געזאָגט, פֿון ביראָבידזשאַן, העלפֿט אָפּצוהיטן דעם סטאַטוס פֿון אויטאָנאָמיע פֿון דער דאָזיקער געגנט.

* * *

דער פּעטערבורגער עספּעראַנטיסט מיכאַיִל בראָנשטיין האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ בוך, וואָס איז כּולל איבערזעצונגען פֿון לידער פֿון מרדכי גיבירטיג (1877–1942). עטלעכע לידער פֿון גיבירטיגן האָט בראָנשטיין איבערגעזעצט נאָך מיט צוויי יאָר צוריק.



מיכאַיִל בראָנשטיין

דעמאָלט האָט מען זיי געזונגען בשעת דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פֿון עספּעראַנטיסטן אין ביאַליסטאָק – צום 150סטן יובילײַ פֿון אליעזר (לודוויק)

(סוף אויף זײַט 3)

(סוף פֿון זײַט 2)

זאַמענהאָף, וואָס האָט געשטאַמט פֿון דער שטאָט. איצט גרייט זיך אין פּוילן אַ גרויסער באַנד, וואָס דאַרף אַרויסגעגעבן ווערן צו גיבירטיגס 70סטן יאָר־צײַט. בראָנשטיין באַטייליקט זיך אין צוגרייטן אַן עספּעראַנטאָ־נוסח פֿון דעם דאָזיקן בוך.

עספּעראַנטאָ־ייִדישע פֿאַרבינדונגען האָבן אַ לאַנגע געשיכטע. זאַמענהאָף האָט דאָך תּחילת זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט ייִדיש און האָט אַפֿילו אָנגעשריבן אַ גראַמאַטיק פֿון דער שפּראַך. עס זײַנען דאָ ניט ווייניק איבערזעצונגען פֿון ייִדישע ווערק אויף עספּעראַנטאָ. צו מאָל האָבן די דאָזיקע איבערזעצונגען געדינט ווי אַ „טראַנזיט"־שפּראַך פֿאַר איבערזעצונגען אויף אַנדערע שפּראַכן. ס'איז באַוווּסט, למשל, אַז אייניקע ייִדישע ווערק האָבן זיך באַוויזן אויף כינעזיש ווי איבערזעצונגען פֿון עספּעראַנטאָ.

* * *




דער ייִדישער שרײַבער ישׂראל־יהושע זינגער (1944–1893) האָט אין משך פֿון כמעט אַ פֿערטל יאָרהונדערט געאַרבעט אין „פֿאָרווערטס", געווען איינער פֿון זײַנע פּאָפּולערסטע בעלעטריסטן. די צײַטונג האָט געדרוקט אין המשכים זײַנע ראָמאַנען, אַזעלכע ווי „ברידער אַשכּנזי", „חבֿר נחמן" און „משפּחה קאַרנאָווסקי", ווי אויך דערציילונגען.

לעצטנס זײַנען אַ צאָל ווערק פֿון זינגערן געוואָרן צוטריטלעך אויך אויף רוסיש. געשען איז עס אַ דאַנק די פּעטערבורגער איבערזעצער וואַלערי דימשיץ, איגאָר בולאַטאָווסקי און ישׂראל נעקראַסאָוו. אין יאָר 2010 איז אַרויס דער ראָמאַן „משפּחה קאַרנאָווסקי", און הײַיאָר האָט דער רוסישער לייענער באַקומען צוויי זאַמלביכער פֿון זינגערס דערציילונגען.

# „גרין" און „אויסגעגרינט"

אַ מאָל האָט מען די נײַ־אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן גערופֿן אין אַמעריקע „גרינע". ווי עס זינגט זיך אין דעם באַקאַנטן ליד „די גרינע קוזינע":

צו מיר איז געקומען אַ קוזינע,
שיין ווי גאָלד איז זי געווען, די גרינע.
בעקעלעך ווי רויטע פּאָמעראַנצן,
פֿיסעלעך וואָס בעטן זיך צו טאַנצן.

דערנאָך פֿלעגט זיך אַן אימיגראַנט „אויסגרינען". דעם פּראָצעס האָט מען באַשריבן אַ סך מאָל. דאָ ברענגען מיר אַן אויסצוג פֿון אַב. קאַהאַנס אַרטיקל „צוויי וועלטן וואָס זײַנען אי צוויי, אי איינע" („פֿאָרווערטס", דעם 19טן סעפּטעמבער 1943):

## אויסגעגרינט

די נײַ־אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן פֿלעגט מען אויף ייִדיש רופֿן „גרינע". עס פֿלעגט אַוועקגיין אַ געוויסע צײַט און זיי פֿלעגן זיך אויסלערנען אַרײַנצונעמען אין זייער ייִדיש אַ געוויסע צאָל ענגלישע ווערטער (אַרײַננעמען און אַ היפּש ביסל קאַליע מאַכן מיט דער אויסשפּראַך), באַקאַנט ווערן מיט דעם היגן לעבן און זיך אָנהייבן אַרײַנצופּאַסן אין אים, פֿלעגט מען זיי קרוינען מיט דעם טיטל „אויסגעגרינטע".

זייער אָפּט איז די ענדערונג אין דעם גרינעם געווען אַ גאַנץ גרויסע. ער פֿלעגט זיך קליידן אַנדערש. און דאָס איז געווען צו זען אויפֿן געזיכט. אָפּט פֿלעגט פֿאָרקומען אין דעם אַראָפּגעקומענעם כּמעט אַן איבערקערעניש.

דאָס אַמעריקאַנער לעבן איז אַ סך רײַכער און פֿאַרביקער, ווי דאָס לעבן פֿלעגט זײַן אין אַ ליטוויש אָדער פּויליש שטעטל, אָדער אַפֿילו אין אַ גרויסער שטאָט. דער אימיגראַנט פֿלעגט באַקאַנט ווערן מיט מאַסן געשעענישן, וואָס זײַנען פֿאַר אים פֿריִער געווען אַבסאָלוט פֿרעמד. אויף טריט און שריט האָט מען באַגעגנט באַקאַנטע אימיגראַנטן, וועלכע זײַנען אין אַ יאָר צײַט בערך געוואָרן אַזוי ווי נײַ־געבאַקענע. עס זײַנען געווען אויסנאַמען – ייִדישע אימיגראַנטן, וואָס פֿלעגן זיך קיין מאָל ניט אויסגרינען. זייער צאָל איז אָבער געווען זייער קליין.

די ענדערונגען אין דעם אויסגעגרינטן זײַנען דאָס רובֿ געקומען אין פּראַקטישע וועגן. מע מוז אָבער אויך צוגעבן, אַז אַ ניט קליינער פּראָצענט פֿון די נײַ־געקומענע איז דאָ אויך גיך געוואַקסן גײַסטיק. דער עיקר פֿלעגט דאָס פּאַסירן מיט אימיגראַנטן, וואָס האָבן געקענט „לערנען", תּלמודיסטן, העברעיִסטן. טיפּן, וואָס האָבן אין דער היים געהאַט אַ הויכע אינטעליגענץ, הגם מיט מאָדערנע וויסנשאַפֿטן האָבן זיי געהאַט זייער ווייניק שײַכות. אַ סך אַזעלכע ייִדן פֿלעגן גיך צוקומען צו דער

(סוף אויף זײַט 4)



Forward Association



Forward Association

(סוף פֿון זײַט 3)

ענגלישער שפּראַך, ריכטיקער געזאָגט – צו אַן ענגלישער צײַטונג, צו אַן ענגלישן זשורנאַל און צו אַן ענגליש בוך. זיי פֿלעגן ווערן געבילדעט אויף אַ מאָדערנעם שטייגער, צי זיי האָבן געקענט רעדן ענגליש ווי עס באַדאַרף צו זײַן צי ניט. פֿון פּוילן און פֿון ליטע איז געקומען אַ גרויסע צאָל אַזעלכע אימיגראַנטן.

* * *

פּראָבלעמען פֿון „גרינע“ און „אויסגעגרינטע“ ייִדן האָבן תּמיד אינטערעסירט די אַמעריקאַנער ייִדישע פּרעסע. אָט וואָס האָט דערציילט זלמן זילבערצווײַג (1894–1972), דער צונויפֿשטעלער פֿון דעם „לעקסיקאָן פֿון ייִדישן טעאַטער“. ער האָט זיך באַקענט מיט אַב. קאַהאַנען, ווען יענער האָט באַזוכט ארץ־ישׂראל. שפּעטער איז זילבערצווײַג געקומען קיין ניו־יאָרק, בפֿרט נאָך, אַז קאַהאַן האָט אים דערמוטיקט עס צו טאָן. זילבערצווײַגס זכרונות האָט פֿאַרשריבן דער ייִדישער ראָמאַניסט שמואל איזבאַן (1905–1995) (גענומען פֿון www.algemeiner.net):

זילבערצווײַג האָט דערציילט, אַז ווען קאַהאַן האָט אים דערזען, האָט ער אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר פֿאַרחידושטע אויגן, ווי ער וואָלט אים צום ערשטן מאָל געזען. און ווען זילבערצווײַג האָט פּרובירט אויפֿפֿרישן זײַן זכּרון, און האָט אים דערמאָנט זייער באַגעגעניש אין תּל־אָבֿיבֿ, האָט דער „פֿאָרווערטס“־רעדאַקטאָר אַן אומגעדולדיקער אים איבערגעשלאָגן און אַ פֿרעג געטאָן:

„אַלץ איז גוט און פֿײַן... אָבער צו וואָס זײַט איר געקומען קיין אַמעריקע?“

די פֿראַגע איז געווען אַ קאַטאַסטראָפֿאַלע. זילבערצווײַג, אַ דערשלאָגענער, האָט געפֿילט ווי מ'וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ, און ער האָט אַ פֿאַרצווייפֿלטער געזוכט די טיר צו אַנטלויפֿן.

קאַהאַן האָט, קאָנטיק, אײַנגעזען זײַן אומטאַקטישקייט בײַם באַגריסן דעם גאַסט. ער האָט פֿונדאָסנײַ אים באַטראַכט אַ לענגערע ווײַלע און זיך אָנגערופֿן אין אַ ווייכערן טאָן:

„אָבער ביז וואָס ווען דאַרף אַ גרינער, נאָכן אַראָפּגיין פֿון שיף, זאָרגן וועגן ברויט... איר האָט אַ מאָל געטאָן רעפּאָרטער־אַרבעט? פֿאַרגעסט דערווײַל אײַער טעאַטער־לעקסיקאָן ביז איר וועט זיך אויסגרינען... רוסיש קענט איר? און ווי האַלט עס בײַ אײַך מיט ענגליש? צוערשט מוזט איר אָנהייבן מאַכן לעבן... קומט אַרויף אין רעדאַקציע מאָרגן פֿרי, כ'וועל עפּעס האָבן פֿאַר אײַך.“

און ער האָט צוגעפֿירט זילבערצווײַגן צום גרויסן פֿענצטער, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט אויף עסעקס־סטריט און געזאָגט:

„איר זעט די גאַס אונטן? דאָס איז די עסעקס־סטריט. כ'וועל אײַך מאָרגן אַראָפּשיקן אַהין. איר וועט אויך אַרײַנגיין אין די אַרומיקע גאַסן און זען ווי ייִדן האַנדלען אויף דער איסט־סײַד. און איר וועט אָנשרײַבן אַ רעפּאָרט פֿאַרן 'פֿאָרווערטס'. אײַער שילדערונג דאַרף ווײַזן ווי אַזוי אַ גרינער זעט אַ טאָג לעבן אויף דער ייִדישער איסט־סײַד.“

# פֿאַר קליין און גרויס

## ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלז

איבערדערציילט פֿון באָריס סאַנדלער

**אין דער הײַנטיקער חסידישער וועלט קאָן מען זיך אָפּט אָנטרעפֿן אויף זאַכן, וואָס קערן אונדז אום אין די אַלטע מיטל־עלטערלעכע צײַט, ווו די פּרוי, למשל, האָט געמוזט וויסן „איר אָרט" און זיך האַלטן נאָר בײַ „אירע ווײַבערישע מידות"; זיך ניט שטופּן אין די „מענערישע ענינים", ווי עס קומט אַרויס פֿון דעם מעשׂהלע „די צען ווײַבער".**



# די צען ווײַבער

אַ מאָל האָבן זיך די ווײַבער פֿונעם שטעטל מאַרקולעשט, וואָס איז ניט ווײַט פֿון בעלץ, צונויפֿגענומען אויף אַן אַסיפֿה. וואָס איז? זיי ווילן אויך האָבן אַ מנין און דאַוונען בציבור, אַזוי ווי די מענער.

האָבן זיי גערעדט און גערעדט, און סוף־כּל־סוף באַשלאָסן צו שיקן אַ דעפּוטאַציע צום רבונו־של־עולם. ווי זשע קומט מען צום אייבערשטן צו? האָט די רביצין געזאָגט: „לאָמיר אַרײַנגיין אין שיל, זיך שטעלן פֿאַרן אָרון־קודש און אויסרופֿן אונדזער טענה." אַז די רביצין זאָגט, ווייסט זי וואָס זי זאָגט. האָט די ווײַבערישע דעפּוטאַציע זיך אַרײַנגעשטעלט אין שיל און אָנגעהויבן שרײַען: „גאָט, טאַטע־פֿאָטער, פֿאַר וואָס זײַנען מיר ערגער פֿון די מענער? פֿאַר וואָס זאָלן מיר ניט קענען דאַוונען בציבור?"

אין דער זעלבער שיל און אין דער זעלבער צײַט, אין אַ פֿינצטערן ווינקל האָט געכאַפּט אַ דרעמל דער אָרטיקער וויצלער יאַנקעלע קאַפּורניק. פֿאַר וואָס האָט ער געקראָגן אַזאַ צונאָמעניש „קאַפּורניק"? מחמת אַלע זײַנע וויצן האָבן געטויגט אויף כּפּרות. די ווײַבערישע קולות האָבן אים אויפֿגעוועקט. דערהערט זייערע טענות, האָט ער זיך דערפֿרייט: ס'איז שוין דאָ פֿון וועמען אָפּצולאַכן. האָט ער זיך אָנגערופֿן פֿון זײַן ווינקל מיט אַ באַסאָווער שטים: „אויב איר וועט קענען אָפּציילן ביז צען, מעגט איר זיך מאַכן אַ מנין!"

דערהערט אַזאַ זאַך, איז די רביצין געלאָפֿן און האָט צונויפֿגערופֿן צען פֿון די חשובֿסטע ייִדענעס פֿונעם שטעטל. אָבער איידער זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אין שיל אַרײַן, האָט די רביצין זיי אַלע איבערגעציילט. דערבײַ האָט זי זיך אַליין אויך אַרײַנגענומען אין חשבון. האָט זיך בײַ איר באַקומען עלף ייִדענעס, וואָס טויג ניט. שיקט זי אָפּ איין ייִדענע אַהיים, און אַליין הייסט זי די געבליבענע זיך אויסשטעלן אין אַ שורה. זי ציילט ווידער, אָבער דאָס מאָל האָט זי שוין זיך אַליין ניט געציילט. קומט זי צו „נײַן" און בלײַבט שטיין – עס פֿעלט איר איין פֿרוי. האָט זי געשיקט ווידער רופֿן די „איבעריקע" ייִדענע, און זיך גענומען נאָך אַ מאָל ציילן, אָנהייבנדיק פֿון זיך אַליין. באַקומט זיך ווידער עלף. דערזען אַזאַ זאַך, אַז זי איז זיך אַלע מאָל טועה אין ציילן, האָט זי באַשלאָסן מע זאָל אויסקנעטן ליימלעך און יעדע ייִדענע זאָל אַרײַנשטופּן איר גראָבן פֿינגער אין דעם ליימל. וויפֿל לעכער ס'וועלן אינעם ליימל בלײַבן, אַזוי פֿיל ווײַבער זײַנען דאָ. געזאָגט און געטאָן!

צווישן די ייִדענעס איז געווען איינע, וואָס האָט געשמעקט טאַביק. זי איז געווען אַ פֿאַרברענטע טאַביק־שמעקערין. האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי גייט טאָן אַ שמעק טאַביקע, און אַרײַן מיט בײדע פֿינגער אינעם ליימל. די רביצין ציילט איבער די לעכלעך און עס ווערט איר פֿינצטער אין די אויגן – עלף לעכלעך! איז זי געפֿאַלן אויף אַ נײַעם פּלאַן: זאָל מען דאָס זעלבע טאָן, נאָר מיט די צונגען. דאָ קאָן שוין קיין פּלאָנטער ניט זײַן. אַפֿילו די גרעסטע פּלאַפּלערין האָט ניט מער ווי איין צונג.

געזאָגט און געטאָן! האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז צווישן זיי איז געווען איין ייִדענע, וואָס האָט געהאַט אַ לאַנגע נאָז. ווען זי האָט זיך אָנגעבויגן אַרײַנצושטופּן די צונג אינעם ליימל צו מאַכן אַ לאָך, איז זי אַרײַן פֿריִער מיט דער נאָז און שוין דערנאָך מיט דער צונג. אַז די רביצין האָט איבערגעציילט די לעכלעך אינעם ליימל, האָט זי שיִער ניט געחלשט – ווידער די זעלבע מעשׂה – עלף לעכלעך!

זי האָט, נעבעך, ניט געקאָנט ניט אַרויס און ניט אַרײַן. וואָס טוט מען דאָ? ווי נעמט מען צונויף צען ייִדענעס צו אַ מנין? לויפֿט זי שוין הענדום־פּענדום גלײַך צום רבֿ. ער וועט שוין געבן אַן עצה.

האָט דער רבֿ זי אויסגעהערט און געזאָגט: „וואָס זאָל איך טאָן, אַז ייִדענעס האָבן לאַנגע נעז און שטופּן זיי אַהין, ווו מע דאַרף ניט?!"

און דער מוסר־השׂכּל דערפֿון איז: „ווען אַ לץ רעדט אין נאָמען פֿון גאָט, קומען אָפּ די ווײַבער".

ניט לאַנג צוריק איז אין ירושלים, אונטער די דעקבער פֿון דרײַ אינסטיטוציעס: דובֿ סדן־פּראָיעקט בײַ דער ייִדיש־קאַטעדרע פֿון העברעיִשן אוניווערסיטעט, מאַנדעל אינסטיטוט פֿאַר ייִדישע וויסנשאַפֿטן און בית־לייוויק אין תּל־אָבֿיבֿ, דערשינען אַ צווייִשפּראַכיקע (ייִדיש־העברעיִש) לידער־זאַמלונג פֿון שמואל צעסלער.

**שמואל צעסלער** (1904–1987) איז געבוירן געוואָרן אין זאַבלודאָווו, פּוילן. געווען דאָרט אַ לערער און אין 1935 עמיגרירט קיין אַרגענטינע. לידער האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן צו 10 יאָר, און במשך פֿונעם לעבן זײַנען זיי זיך צעפֿלויגן איבער צענדליקער ייִדישע פּובליקאַציעס.




ווען דער אויסגאַבע האָבן מיר געבעטן צו זאָגן עטלעכע ווערטער דעם ייִדיש־פּראָפֿעסאָר פֿונעם ירושלימער אוניווערסיטעט יחיאל שיינטוך.

„שמואל צעסלערס ייִדישע שפּראַך און זײַנע גראַמען זײַנען ניט נאָר פּאָעטיש און מוזיקאַליש און לייגן זיך אויף דער צונג, ווי אַ געשמאַקער געבעקס – זיי זײַנען אויך זייער בילדעריש. צעסלער צייכנט מיט ווערטער גאַנצע פּייסאַזשן און בילדער – דערפֿאַר האָב איך זיך געווענדט צום קינסטלער דייוויד האָל און געבעטן בײַ אים אָנצוטאָן די ווערטער און זיי באַקליידן.“

מיר לייגן פֿאָר אונדזערע לייענער עטלעכע מוסטערן פֿון שמואל צעסלערס קינדער־פּאָעזיע מיט די אילוסטראַציעס פֿון דייוויד האָל.

---

## כּלי־זמרים

יעדן, יעדן אינדערפֿרי
שפּילט דער האָן: קו־קו־ריקו!
שפּילט דער האָן און פֿרייִלעך
קרייט ער
אויף אַ מעשענעם טרומייטער.

און עס וואַכן אויף פֿון שלאָף:
הונט און קעצל, רינד און שאָף,
עופֿות, פֿייגל, בין און וואָרעם
און דער גאַנצער הויף כּלי־זמרים.

און עס גייט אַרום אַ שפּיל,
אַ געטריל, אַ מעק, אַ ביל,
ס׳שפּילט דער קלענסטער און
דער גרעסטער –
און די וועלט איז אַן אָרקעסטער.

## בײַם ים

ווי שיין עס איז צו קוקן
בײַם לעצטן זונענשטראַל,
ווי ס׳קנייטשט דער ים זײַן רוקן
און פֿורעמט וואַל נאָך וואַל.

וואָס ברומט דער גרויסער זקן?
וואָס שוידערט ער אַצינד?
צי האָט ער זיך דערשראָקן
פֿאַר קילן אָוונטווינט?

צי זײַן געלעכטער איז אים
געוואָרן ענג און קליין –
שרומפּט אײַן דער ים דער ריז זיך,
צו קענען שלאָפֿן גיין?

## נאַכטגעזאַנג

ווי עס ווערט נאָר אָוונט,
ס׳ווערט גאָר פֿינצטער, גלײַך
קומט זי, די לבֿנה,
באָדן זיך אין טײַך.

פֿינקלענדיקע שטערן,
קליינע, אָן אַ שיעור,
קומען אויך צום וואַסער
באָדן זיך מיט איר.

נאָך דעם – קלאָר און לויטער,
איבער שטאָט און פֿליין,
לײַכטן זיי און שמייכלען,
שטראַלן העל און ריין.

## די קאָלאָניסטישע משפּחה

און מײַן פֿעטער האָט געאַקערט,
און מײַן טאַטע האָט געזייט, –
ברענגט דער זיידע מעל צו פֿירן
פֿון דער מיל אַהיים, מיט פֿרייד.

און מײַן מומע באַקט אין אויוון,
און מײַן מאַמע גרייט צום טיש, –
עסן, עסן איצטער אַלע,
ברויטן ברוין און ברויטן פֿריש.

און מײַן ברודער האָט געשניטן,
און מײַן באָבע האָט געשפּינט, –
נייט מײַן שוועסטער פֿונעם לײַוונט
העמדלעך ווײַס, פֿאַר יעדן קינד.

פֿלײַסיק אַרבעט די משפּחה
פֿון דער פֿרי ביז זונפֿאַרגאַנג;
און עס איז מיט מזל־ברכה
פֿול די שטוב, און מיט געזאַנג.



(סוף פֿון ערשטער זײַט)

מיר שײַנט, אַז אַ באַזונדערס אַקטיווע פֿאַרבינדונג האָט זיך בײַ דער „ייִדישער אַקאַדעמיע" געשאַפֿן מיט די סלאַווישע, און בכלל מיזרח־אייראָפּעיִשע, לימודים. און דאָס האָט זיך זייער בולט געזען בשעת דער יערלעכער קאָנפֿערענץ פֿון דער „אַסאָציאַציע פֿון סלאַווישע, מיזרח־אייראָפּעיִשע און יעוראָאַזיאַטישע לימודים", וואָס האָט זיך צונויפֿגעקליבן אין וואַשינגטאָן דעם 17טן־20טן נאָוועמבער.

ווי אַ סך מײַנע קאָלעגן, בין איך ניט קיין הייסער חסיד פֿון אַזעלכע ריזיקע ירידן. בדרך־כּלל, באַטייליק איך זיך אין ספּעציאַליזירטע קאָנפֿערענצן. אַזוי אַז אויף דער גרויסער יערלעכער „חתונה" פֿון דער סלאַווישער אַסאָציאַציע בין איך שוין ניט געווען אַ יאָר אַכט. און דער אונטערשייד האָט זיך ממש געוואָרפֿן אין די אויגן – בײַם לייענען די פּראָגראַם און בײַם דרייען זיך אין די קאָרידאָרן. פֿאַר די פֿאַרגאַנגענע יאָרן איז ממשותדיק גרעסער געוואָרן די צאָל זיצונגען און באַזונדערע רעפֿעראַטן, געווידמעט די פֿראַגן, וועלכע זײַנען אַזוי אָדער אַנדערש פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע און קולטור פֿון ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן.

אַ באַקאַנטער פּראָפֿעסאָר, שוין אַ וועטעראַן פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע שטודיעס, האָט מיר מיט אַ ביטערעם שמייכל געזאָגט:

„פֿאַר אונדז איז די דאָזיקע קאָנפֿערענץ מער ייִדישלעך איידער די קאָנפֿערענץ פֿון דער 'אַסאָציאַציע פֿאַר ייִדישע לימודים'. מיר דאַרפֿן דאָך ניט דעם תּלמוד."

אַ דרײַ צענדליק רעפֿעראַטן זײַנען הײַיאָר געווען דירעקט געווידמעט די ייִדישע ענינים. אין אַ צאָל אַנדערע אויפֿטריטן זײַנען אַזעלכע זאַכן געווען דערמאָנט אין עפּעס אַ קאָנטעקסט. צווישן די אָנטיילנעמער האָב איך געזען, און זיך באַקענט מיט אַ צאָל געטרײַע לייענער פֿון „פֿאָרווערטס". ייִדיש האָט געקלונגען אין די קאָרידאָרן – ווײַט ניט אַזוי אָפֿט ווי ענגליש, רוסיש און פּויליש, אָבער געקלונגען.

נאָך איין זאַך האָב איך אַרויסגעטראָגן פֿון דער קאָנפֿערענץ, דהײַנו: רוסלאַנד, אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד האָבן אַן אַקאַדעמישע וועלט, אין וועלכער די ייִדישע לימודים לעבן עפּעס אַ וועלט פֿאַר זיך. קיין ריכטיקע פֿאָרשטייער פֿון זייער „יודאַיִסטיק" האָב איך אין וואַשינגטאָן ניט באַמערקט. נאָך ערגער: אַפֿילו אויב מע שטעלט מיך צו דער וואַנט, מיט אַ חלף צוגעשטעלט צו מײַן האַלדז, וואָלט איך געהאַט שוועריקייטן אָנצורופֿן מער ווי אַ פּאָר נעמען פֿון אַזעלכע געלערנטע, וואָס וווינען דאָרטן און וועלכע מע קען, מיט פֿולער רעכט, באַשרײַבן ווי, למשל, אַ „ייִדישער היסטאָריקער", צי אַ „ייִדישער ליטעראַטור־קענער". אַזעלכע לײַט האָבן די נטיה אַוועקצופֿאָרן פֿון יענע מקומות און קומען אויף קאָנפֿערענצן שוין ווי פֿאָרשטייער פֿון די מערבֿדיקע אוניווערסיטעטן.



# וויצן

פֿון י. ח. ראַוװניצקיס בוך „ייִדישע וויצן" (ניו־יאָרק, 1950)

## איך האָב צײַט!

דער קאָנדוקטאָר אין אַן אײַזנבאַן־וואַגאָן האָט גענומען אויפֿן וועג בײַ איינעם אַ ייִדן זײַן בילעט, אים באַטראַכט און געזאָגט מיט אַ בייז קול:

– ניין, דער בילעט טויג דאָ ניט. ער איז אויף אַ געוויינטלעכן צוג צו פֿאָרן, און איר האָט זיך געזעצט גאָר אין אַ קוריער־צוג!"

– נו, וואָס מאַכט עס דען אויס? – גיט דער ייִד אַ מאַך מיט דער האַנט. – פֿון מײַנעט וועגן מעג זיך דער צוג פֿאָרן גאַנץ פּאַמעלעך, ניט לויפֿן משוגענערווײַז. נישקשה, איך האָב צײַט.

## רעכטע און לינקע

אַ ראַבינער אין דײַטשלאַנד האָט מען אַ מאָל אַ פֿרעג געטאָן:

– וואָס איז די מעשׂה וואָס בײַ ייִדן געפֿינען זיך תּמיד אַזוי פֿיל לינקע?

– דאָס איז דערפֿאַר, – האָט דער ראַבינער געענטפֿערט, – וואָס ייִדן האָבן ניט קיין רעכטע. (Rechte מיינט אויף דײַטש „רעכט", למשל, בירגער־רעכט.)

## מעג זײַן אַ משוגענע

אַ שדכן הערט אויס פֿון אַ יונגערמאַן, וואָס פֿאַר אַ כּלה יענער פֿאַרלאַנגט מע זאָל אים רעדן. רופֿט ער זיך אָן צו אים אַ ביסל אויפֿגעבראַכט:

– איך מוז אײַך זאָגן, יונגער־מאַן, האָט מיר קיין פֿאַריבל ניט, אַזאַ כּלה ווי איר פֿאַרלאַנגט מיט אַלע מעלות פֿון דער וועלט – אי אַ שיינהייט, אי פֿון פֿײַנסטן ייִחוס און נאָך מיט אַ היפּשן נדן דערצו – דאַרף זי דאָך זײַן אַ ריינע משוגענע, זי זאָל אַזעלכן ווי איר וועלן!

– זעט איר, – מאַכט דער חתן קאַלטבלוטיק, – דאָס אַרט מיך גראָד ניט. זי מעג זיך זײַן אַ משוגענע.

## פֿיר מינים ייִדן

ס'איז פֿאַראַן, האָט אַ רבֿ געזאָגט, פֿיר מינים ייִדן:

אַזעלכע וואָס גייען אין שיל אַלע טאָג פֿון אַ גאַנץ יאָר.

אַזעלכע וואָס גייען אין שיל שבת און יום־טובֿ.

אַזעלכע וואָס גייען אין שיל נאָר איין מאָל אין יאָר: יום־כּיפּור.

און אַזעלכע וואָס זייער ייִדישקייט באַשטייט נאָר אין דעם וואָס מע פֿירט זיי באַגראָבן אויפֿן ייִדישן בית־עלמין.